ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מעשה נורא

מר' שמואל
אמסטערדאמער
אידיש

**58**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ד לפ"ק

# מעשה נורא

פון

## ר׳ שמואל אמסטערדאמער

מיט זיין ווייב **שרה** די צנועה

פון דֶער מַעֲשֶׂה קָאן מֶען זִיךְ אַרָאפּ נֶעמֶען אַ מוּסָר
אַז אַמֶענְשְׁט טָאר נִיט זַיין קֵיין מִתְרַעֵם הָלִילָה
אַנְטְקֶעגֶען גָאט ב״ה נָאר דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר
הָאבֶּען דֶעם בִּטָחוֹן צוּ גָאט וֶועט אִים הַשֵׁי״ת הֶעלְפִין.

ארויס גיגעבען

פון ה״ץ.

**נאכדרוק שטרענג פערבאָטען.**

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק נ״י

בווילנא

אין דער גרויסער שטאט אמסטערדאם הט געוואוינט א געוויסער מאן וועלכער מען האט איהם גערופען ר' שמואל איידיל מאן. אונד ער איז געוועזן איין גרויסער סוחר אונד איין פרומער מאן, ער איז געזעסן יום ולילה על התורה ועל העבודה אונד זיין ווייב האט מען גערופען שרה'לע דיא צנועה זיא איז שטענדיג געזעסן אין געוועלב אינ איז געוועזן איין גרויסע אשת חיל אונד איז אויך געוועזן איין גרויסע בעל צדקה געוועזין. ר' שמואל האט אזוי אפ געוואוינט מיט זיין ווייב שרה'לע איין ערך פון צוואנציג יאר אונד זיא האבען קיין קינדער ניט געהאט זייא פלעגין אופט וויינען אונד קלאגען אז זייא פלעגין זיך דער מאנען אז זייא האבען ניט קיין יורש. אויך פלעגין זייא זייער פיל צדקה געבין אז דער אייבערשטער זאל זייא מזכה זיין מיט אזון. נאר עס האט זייא ניט געהאלפען.

הכלל מען קאן פאר שטיין דיא יסורים וואס ר' שמואל מיט זיין ווייב שרה'לע האבען געהאט דער פון וואס זייא האבען קיין קינדער געהאט! פעם אחת! איין מאל אום פרייטאג פאר נאכט איז ר' שמואל געזעסן איינער אליין אין בית המדרש אונד האט אריין געקוקט אין איין ספר אונד איז אנטשלאפען געווארען קומט איהם צו חלום איין אלטער זיידע זיין איינגער. אונד זאגט צו איהם בזה הלשון מיין קינד וואס ביסטו אזו פאר זארגט. ר' שמואל הייבט אן זייער שטארק צו וויינען אונד זאגט זיידע פר וואס זאל איך דען ניט זיין פאר זארגט וואס קומט מיר ארום פון מיין גרויס עשירות וואס איך האב. אז איך וועל שטארבען ווער וועט דאס ירשענען. ענטפערט איהם דער זיידע דו זאלסט וויסען מיין קינד אז דיינע טרערין זענין פאר נומען געווארען פר השם יתברך בק זאלסט וויסען דו ביסט געבארען געווארען אז דוא זאלסט קיין קינדער ניט האבין ווייל דוא וועסט לעבין נאר כעת איז ארויס דער פסק פון דעם הימעל ווייב דו ווילסט האבין אזון וועסטו אן ווערין דיין גאנצע געלט מיט דיין גאנץ עשירות אונד וועסט קומען אוף כבר רחם. אונד מען האט מיך געשיקט מן השמים איך זאל דיר דאס מודיע זיין. עכ באקלער זיך וויא אזוי דוא ווילסט בעסיר. ר' שמואל האט זיך זייער דער שראקין אונד איז געווארען צוא מישט ער ווארט אביסעל. אונד רופט זיך אן צום זיידען איך וויל ליבערשט האבען אזון; דער זיידי האט זיך געזעגינט מיט איהם. ויקץ והנה חלום. ער האפט זיך אויף עס איז גאר א חלום. ער

לויפט

לויפט תיכף אהיים אונ דער צילט זיין ווייב שרעלע דעם גאנצין חלום עס ווערט זייער אגרויס געוויין מיט אגרויסע פרייד. פרייליך זענין זייא דער מיט וואס השי"ת וועט זייא מזכה זיין מיט איין זון. טרויעריג זאגן זיי אז זייא דער מאנען זיך אז זיי וועלין דארפען קושען אויף כבר רחם נאר אבער וואס העלפט דס עס איז ש"ין פר פאלען ער האט שוין אויף זיך מקבל געווען דעם פסק מן השמים! והגיע עת קבלת שבת וויא עס איז גיקומען דיא צייט מען זאל מקבל שבת זיין איז ר' שמואל גיגאנגען אין שול אריין מקבל שבת זיין אונ זיין ווייב שרעלע איז אויך גיגאנגען אין שול אריין מקבל שבת זיין. ואחר התפלה הלכו לביתם בשמחה גדולה. אונ נאך דעם דאווינין זאגען זייא גיגאנגען אהיים זייער פרייליך אונ ר' שמואל האט גימאכט קידוש אונ האבען זיך גיזעצט עסין אונ האבען גיפראוויט זייער אפרייליכען טיש כמנהגנו בכל שבת אזו ווי זייער מנהג איז געווען אלע שבת:

וויא עס איז אוועק גיגאנגען איין ערך פון דריי חדשים איז שרעלע מעוברת געווארען. איך קאן אייך אזו פיל ניט ארוס שרייבען דיא פרייד וואס אויף דעם פאר פאלק איז געווארען אז זייא האבען גיזעהן אז שרעלע איז מעוברת געווארען צו מזל. אבער וויא גרויס איז געווארען דאס געוויין אז זייא האבען זיך אן גיהויבען דער מאנען אז זייא וועלין דארפען אן קומען אויף כבר רחם.

ויהי כי עברו תשעה חדשים וילדה בן זכר. אונ וויא עס איז אויס געגאנגען ניין חדשים האט אונזער שרעלע צו מזל גיהאט איין יונג ל זייער איין שיין קינד. ר' שמואל מיט זיין ווייב האבען זיך זייער גיפרייט מיט דעם קינד אונ מען האט גינומען תיכף מען האט אן גיהויבען מכין זיין אלדינג וואס מען דארף צום ברית וויא עס איז גיקומען דער טאג פון דעם ברית האט מען גיטראגען דאס קינד אין שול אריין אונ דער חזן האט גיזונגען וברות אונ מען האט אן גיצונדען זייער פיל ליכט אין שול. נאך דעם דאווענען האט דער סנדק גינומען דאס קינד אויף דיא הענט אונ מען האט דאס קינד מל געווען דער נאך האט מען גיט מען דאס קינד אונ מען האט דאס גיטראגין אהיים יעדער גיט א מזל טוב. ער איז נעביך זייער טרויעריג דיא טרערין גיסען אים פון דיא אויגען וויא זייא גייען נעביך פון דער שול לויפט דער משרת אנטקעגין אונ טראגט אים אבריף ר' שמואל עפינט דיא בריף שטייט דארט איר געלט וויסין מיין ליבער בעל הבית ר' שמואל אזו וויא איך בין פון אייך אוועק גיפארין מיט געלט קיין לייפסיג אונ האב גאט צו דאנקען גיקויפט זייער שיינע סחורה במקח השוה ולסוף בין איך בעת גיקומען אויף א שטאציע ניט ווייט פון אמסטרדאם האט זיך ביי נאכט אן גיצונדען די

קרעטשמע

קרעטשמע און עס איז פאר ברענט געווארען די בריקעס מיט סחורה און אויך איך אליין בין קאם אנטלאפען געווארען פון דעם פייער. וויא ר׳ שמואל האט איבער געליינט דעם בריף איז ער חלשות געבליבען. מען האט אים קאם אויף געמינטערט עס איז געווארען א גרויס געוויין מיט א גרויסע קלאג. נאר עס איז דאך אבער געוועזען מענטשין אויף דעם ברית וויא האבען ר׳ שמואלין געטרייסט. עס האט אבער ניט געהאלפען זייער טרייסטען ווארום ער האט זיך נעביך געוואוסט וויא אזוי זיין סוף וועט נאך זיין פיל ערגער.

הכלל וויא עס איז גיקומען נאך דעם ברית. האט מען גידארפט פארין קיין לייפציג נאך סחורה. האט אונזער ר׳ שמואל גינומען וויא פיל געלט ער האט נאך גיהאט. און איז גיפארין קיין לייפציג. ער האט זיך זייער שיין גיזעגינט מיט זיין ווייב שרעלע און מיט דעם קינד און איז זיך בשלום אוועק גיפארין קיין לייפציג. ער איז אזוי אוועק גיפארין עטליכע טעג זייער גליקליך ויהי ביום השלישי וויא עס איז גיקומען דעם דריטען טאג האט זיך דער הימעל זייער פאר חמארעט און עס האט אן גיהויבען זייער שטארק צו דונערין און צו בליצען עס איז אזו געווארען פינצטער מען האט ניט גיזעהען וויא צו פארין ר׳ שמואל מיט דעם בע״ג האבען זיך זייער דער שראקן. אבער וואס העלפט דיא שרעק עס איז פאר פאלין מען מוז פארען. הכלל זייא זענען אזו אפ גפארן ערך פון דריי אדער פיר שעה ביז זיי זענען אריין גיפארען אין איין גידיכטען וואלד און זענען געבליבען שטיין עס איז שוין ניטא קיין שום שטעג זענען זייא געבליבען שטיין אויף דעם ארט לעבין איין בוים וויא עס איז נאר וואס ליכטיג געווארען די חמארע איז אראפ פון דעם הימל איז צו גיגאנגען איין רויבער און האט גינומען ר׳ שמואל מיט דעם בע״ג מיט דיא פערד און האט זיי צו געפירט צו זיין אייל וואס ער הט גיוואונט דארט. אזו האט ער תיכף גיהרגת דעם בע״ג און בייא ר׳ שמואל הט ער תיכף צו גינומען דאס גאנצע געלט וואס ער הט גיהאט און הט אים גיוואלט הרגנן הט ער אן גיהויבען זייער וויינען און צו בעטין זיך בייא זיים הכלל דער גזלן הט אויף אים רחמנות גיקריגען און הט אים גישענקט זיין לעבין נאר באופן ער זאל זיין ביי אים איין משרת. הכלל ר׳ שמואל מיט דעם גזלן האבען זיך גיזעצט עסין איר קאנט פר שטיין מיט וואס פאר איין פר ביטערט הארץ אונזער ר׳ שמואל איז נעביך גיזעסין און האט גיגעסין מיט דעם רובר נאר וואס קאן ער דא בעסער מאכען מה דעבד רחמנא לטב עבד ווי זיי האבען דא אפ גיגעסין איז זיך דער גזלן אוועק גיגאנגען און ר׳ שמואל איז גיבליבען איינער אליין אין דער הייל. ר׳ שמואל הייבט אן צו זוכען איין ארט ערגיץ ער זאל קענען ארוס פון

דער

דער הייל. עס איז אבער גאר אום זונסט זיין זוכען. ער האט זיך זייער גוט אום געווייגט פר השם יתברך ניט גינוג וואס איך בין אזו גישטראפט געווארין איך האב שוין אן געווארין מיין געלט אונ מיין ליב קינד וועה איך אויך ניט פאר מיינע אויגין. אזו איז ער געוועזן אין דער הייל איין ערך פון איין האלב יאר וועהן דער רובער פלעגט קומען צו אים אין דער הייל פלעגט ער אים באדינען אונ געבין אים צו עסין נאך דעם עסין פלעגט דער רובער אוועק גיין אהיים.

ויהי כי ארכו הימים וויא עס איז גיקומען אין איין צייט ארום האט זיך ר׳ שמואל אן גיהויבען צו באדויערען זיין ווייב שרעלען מיט זיין קינד האט ער גענביך זייער שטארק אן גיהויבען צו וויינען אונ קלאגן מיט יאמירליך גיוויין ביז ער איז גענביך אנטשלאפען געווארען אזו איז אים גיקומען צו חלום זיין עלטער זיידע וואס ער האט אים פריער גיזעהן (אזו וויא אובען שטייט) פרעגט ער אים ווייטער מיין קינד וואס וויינסטו אצונד. ער ענטפערט אים זיידע פאר וואס זאל איך ניט וויינען אז מיין עשירות האב איך שון אן גיווארין אונ מיין קינד זעה איך ניט אונ דער צו בין איך נאך אצונד אין אזו איין עת צרה. רופט זיך אן צו אים דער זיידע זארג ניט מיין קינד השם יתברך וועט דיר נאך העלפין מיט עשירות אונ זאלסט וויסען אז אי״ה אין איין גיבער צייט וועסטו גיהאלפין ווערין פון דעם רובר. דער ווייל איז דער רובער גיקומען אין דער הייל האט זיך ר׳ שמואל אויף גיכאפט. דער רובער שרייט אויף ר׳ שמואל פאר וואס ער האט ניט פארטיג גימאכט דאס עסין. אבער ר׳ שמואל שווייגט גענביך ער לופט גישווינד אונ הט אפ גיקאכט דאס עסין אונ דר לאנגט דעם רויבער דאס עסין. ווי דער רויבער האט גינומען עסין פלייש הט ער אריין גיכאפט איין גרוסען ביין אונ איז דער ווארגען גיווארען. דיא שמחה וואס אויף ר׳ שמואל איז געווארען אז ער הט גיזעהען דער רויבר ליגט שוין טויט. קען מען שוין אליין פר שטיין. הכלל ר׳ שמואל הט אן גיהויבען גיין פון איין חדר אין דעם אנדערין ער הט זיך צו נויף גינומען אשיין ביסעל גאלד אונ זילבער אונ בריליאנטען אונ דימאנטען אונ איז זיך בשלום אוועק פון דער הייל מיט גרויס עשירות וויא ר׳ שמואל איז ארויס גיגאנגען פון דער הייל. הט ער אן גיהויבען גיין גלייך מיט איין שטעשקי ער איז אזו אוועק גיגאנגען עטליכע טעג מיט עטליכע נעכט ביז ער איז גיקומען צו איין שטאט זייער איין פיינע שטאט ער איז זיך גלייך אריין גיגאנגען אין שול אריין. הט ער זיך באלד גינומען איין ספר אונ הט זיך גיזעצט לערנען (ישראל בני רחמנים) יודין האבען זיך באלד רחמנות איינער רופט אים אויף איין איבער ביים אונ איינער רופט אים אויף איין מיטעגס. אזו הט זיך פאסירט מיט ר׳ שמואל די גאנצע וואך

זיין

וויא ער איז געקומען פרייטאג האט דער צמח אוועק געשיקט ר׳ שמואלין צו איין גרויסען עושר ער זאל ביי איהם עסען פרייטאג מיט שבת. דר עושר האט אנטפאנגען ר׳ שמואלין מיט גרויס כבוד אזו ווי איין אורח הגון קומט ווי עס איז געקומען די צייט פון דעם עסן איז ר׳ שמואל זיך געגאנגען וואשען האט ער אנידער געלייגט זיין זעקיל מיט די בארילאנטען אונ מיט די דימאנטען לעבען זיך. האט דער עושר אמאל געטאן אין דעם זעקיל ער זעהט עס איז עפיס דא סחורה ער מאכט זיך גאר ניט וויסענדיג. ר׳ שמואל האט זיך געוואשען אונ דער עושר אויך זיי האבען אפ געגעסען. אחר כך זאגט דער עושר נא ר׳ שמואל לאמיר גיין אין מרחץ לכבוד שבת ר׳ שמואל ענטפערט איך קאן ניט גיין. דער עושר פרעגט איהם פר וואס ער ענטפערט איך מוז אכטונג געבין אויף מיין זעקיל. דער עושר פרעגט איהם וואס ליגט דען דארט. ער ענטפערט איהם עס ליגט דארט מיין טלית ותפלין מיט א צוויי העמדער אין עטליכע גראשען מינץ ווארום ר׳ שמואל האט זיך געקלערט ער וועט מוצאי שבת אוועק פארין אהיים רופט זיך אן דר עושר ליגט דאס אנידער ביי מיר אין שפאלניע עס וועט חלילה קיינער ניט נעמען. הכלל ר׳ שמואל האט דעם עושר ניט געקאנט פר זאגין ער האט דאס אנידער געלייגט ביי דעם עושר אין ספאלניע. זיי זענען געגאנגען ביידע אין מרחץ דער נאך זענען זייא ביידע געגאנגען באדען זיי זענען געקומען פון דעם שול זייער פרייליך ביי דעם עסן דער עושר בעט איהם זייער עסט. רבי שמואל האט ניט קיין יסורים אייער זעקיל וועט חלילה קיינער ניט אוועק גנבענען. ווי מען האט דארט ערגיץ אום געבעט אנגעלייגט פר רבי שמואלין אונ ער איז נעביך זייער געשמאק אנטשלאפען געווארען ווי עס איז געקומען ביי נאכט האט דר עושר צו גערופען זיין ווייב אונ זיי האבען געעפינט דעם זעקיל רבי שמואלס זיי טוען א קוק עס איז דא זייער פיל געלד אונ זילבער אונ בארליאנטען אונ דימענטען עס באטרעפט דריי מאל אזו פיל וויא פיל וויא פאר מאגין:

הכלל גערעט איז זיך איצר הרע דעם עושרס ווייב פרעגט דעם עושר וואס האט ער דיר געזאגט ליגט דא אונ זעקיל ער ענטפערט איר. דער ארומאן האט מיר געזאגט עס ליגט איין אלטע קאפיטע מיט צוויי העמדער מיט איין טלית ותפלין מיט א פאר גראשן. דער עושר מיט דעם ווייב האבען ארוס גענומען דם געלד אונ זילבער אונ די בארלאנטען מיט דיא די מענטין אונ זיי האבען אריין געלייגט איין אלטען קערדיט מיט צוויי העמדער מיט צוויי גילדין איינציגע גראשען אזו ווי דער רבי שמואל האט געזאגט פר דעם עושר. אונ זיי האבען פר ביטען דם זעקיל אזו ווי פריער אונ האבען זיך געלייגט שלאפען מיט גרוס פר גינוגין. ויהי ערב

ויהי

ויהי בוקר. עס איז טאג געווארין רבי שמואל איז זיך באלד גיגאנגען אין שול אריין אונ האט זיך גיזעצט לערנען והגיע עת התפלה. עס איז גיקומען די צייט פון דאוונען איז דער עושר מיט דעם ווייב אויך גיגאנגען דאוונען דער עושר נעמט ארויף רבי שמואל לעבין זיך אויבין אן אינ עס איז גיקומען צום לייענען הייסט דער עושר רבי שמואלין אויף רופין אחר התפלה גייען זיי אהיים אונ מען זעצט זיך צום טיש. עסין ביי דעם עסין דער עושר רוקט אים אלע מאל אונטער א גישמאק גלעזיל ווין ר׳ שמואל טרינקט אונ איז זייער לוסטיג ביי זיך ערשטינס וואס הש״ית האט אים גיהאלפען ער האט שוין אזון צו מזל אין דער היים אונ עשירות וועט ער שוין אויך האבין. ער קלערט גאר ניט אז הש״ית הייסט מען זאל זיין א קבצ׳ העלפט גאר קיין שום זאך ניט. הכלל דער עושר האט אים אן גיטרונקען מיט זייער פיל ווין ביז ער איז אנטשלאפען גיווארען בייא דעם טיש זייער געשמאק. דער עושר מיט דעם ווייב גייען ווידער אריין אין כפאלניע אונ באטראכטען די בארליאנטען מיט די דימענטען זייא פרייען זיך זייער מיט דער מציאה. וואס דען זאגין זייא איין ארומאן בארף דאס ער וועט דאס נאך ערניץ פר שיכערין.

הכלל עס איז דער וויל נאכט געווארען רבי שמואל איז אויף געשטאנען עס איז שוין שפעט אין דער נאכט זייא שטעלין זיך דאוונען מעריב רבי שמואל מאכט הבדלה אונ גייט זיך אריין צו דעם עושר גיזעגענען דער עושר נעמט ארויס א גילדין אונ שיינקט אים ער דאנקט אים דער פאר אונ וויל ביי אים ניט נעמען דעם גילדין אונ זאגט אים בעל הבית לעבין עפינט מיר דיא ספארניע איך וועל מיר נעמען מיין זעקיל איך וועל זיך שענקין איין מתנה פאר דעם שבת וואס איך האב גיגעסין ביי אייך ער גייט אריין אין כפאלניע רבי שמואל עפינט אוף דאס זעקיל ער בלייבט חלשות דער עושר מיט דעם ווייב פרעגין אים אפשר גייט אייך אפ עפיס א קאפאטע אדער א העמד איך וועל אייך געבען אבעסערס וויא אייערס. ער חלשות ווייטער הכלל מען האט אים קאם דער מינטערט. האט ער געביך זייער אן גיהויבען צו וויינען אונ שרייען מיט איין יאמערליך גיוויין עס האט אים אבער גאר ניט גיהאלפין דער עושר האט אים גיהייסין ביי נאכט ארויס טרייבען פון דער שטאט. ווארום דער עושר האט פאר יעדען דער ציילט אז ער האט אנידער גילייגט א זעקיל מיט אסערדיט מיט צוויי העמדער מיט א טלית ותפילין. היינט שרייט ער אז עס איז גילעגין בארליאנטען מיט דימאנטען איז ער דאך איין אמתר גנב ע״כ האט אימליכר גיזאגט אז דער עושר איז גירעכט מען האט אים ביי נאכט ארויס גיטריבען פון דער שטאט אמייל מענטשין האבען אים געביך נאך גוט אן גישלאגין.

הכלל

הכלל מען קען שוין פר שטיין מיט וואס פאר א שמערץ ר' שמואל איז אוועק גיגאנגען פון דעם שטעטיל. ר' שמואל האט זיך געביק גי-קבינט די נאכט אונטער דער שטאט ביז עס איז טאג געווארען ווי עס איז גיקומען אין דער פריא זענין אדורך געגאנגען עטליכע ארומע לייט ווי ר' שמואל הט זיי דער זעהן איז ער צו גיגאנגען צו זייא אונ האט זייא גיבעטין זיי זאלין אים מיט נעמען אין קאמפאניע אזו איז גיוועז זייא האבען אים צו גינומען צו זייא אין דער קאמפאניע אונ ער איז מיט זיי מיט געגאנגען.

אצונד לאמיר אים דא לאזין זיך אביסיל דורך גיין מיט דיא הדיוטע לייט אונ מיר וועלין אן הייבין שמועסין פון זיין ווייב שרה דיא צנועה מיט זיין איינציגין זון וויא אזו עס האט זיך מיט זיי גיפאסירט. גידייק וואס מיר האבען אובען גישמועסט אז תיכף נאך דעם ברית איז ר' שמואל אוועק גיפארין מיט דעם גאנצען געלט קיין לייפסיג. אונ אונזער שרהלע הט תיכף נאך דעם ברית אן גיהובען אריין גיין אין דיא גיוועלבער אריין אונ פירין דם ג שעפט אונ וויא עס איז אוועק גיגאנגען איין קורצע צייט זענען באפאלין רויבער אויף דער שטאט אונ האבען אוועק גיראבעוועט דיא אלע גיוועלבער וואס שרהלע האט גיהאט זיא איז גענומען קאם אנטלאפען מיט דעם קינד וויא זיא איז געביק זייער מיד געווארען האט זיא זיך גיזעצט אויף אשטיין אביסיל אפ רוהען. זיא הייבט אן קלערין וויא קאן איך נעמען אויף דר הוצאה וואלט איך מיר אריין גיפארען אין דעם שטעטיל אונ וועל ווארטען ביז מיין מאן וועט פארען פון לייפסיג ערשטענס וועל איך אים מציל זיין מיט דער סחורה אונ אנדערען וועלין מיר זיך בקלערין עפים איין עצה וויא מיר זאלין זיך בזעצין. אמת עס איז טאקע אויף אונז גנזר געווארען אז מיר וועלין האבין איין זון זאלין מיר קומען אויף כבר רחם איך זעה דאך אז עס שלעפט זיך שוין דם שלים מזל נאר אפשר וועט אין אונז מקוים ווערין משנה מקום משנה מזל. אזוי איז זיא גיזעסין אונ האט גיקלערט. דער ווייל האט זיא זיך דער מאנט איך האב זיך נאך ביי מיר א פאר אורינגליך דימאנטענע איך וועל זייא אין דעם שטעטיל פאר קויפען וועל איך דער ווייל האבין אויף דער הוצאה ביז מיין מאן וועט דא אדורך פארין. זיא האט זיך אוף גיהאפט פון דעם שטיין אונ נעמט דאס קינד אויף די הענט אונ גייט מיט דעם קינד גלייך אין דעם שטעטיל אריין זיא האט פאר קויפט דיא אורינגליך אונ איז דארט גיזעסין אין דעם שטיינטיל ביז זיא האט דאס געלט פון דיא אורינגליך אויף אויף גיגעסין אונ איר מאן הארכט זיא ניט אונ זעהט ניט. הכלל זיא האט פאר קויפט פון זיך אלע מלבושים אונ האט אוף גיגעסין

געגעסען דאס געלט ביז זיא האט שון פאר קופט דעם לעצטען שלאפריק פון זיך זיא האט זיך איין גירעט איר מאן איז אוודאי גיהרגת גיווארן על הדרך און מיט איר אליין איז גיקומען דיא צייט זיא זאל אן הייבען גיין אין די הייזער דאס קינד איז דער ווייל אלט געווארען דריי יאר איז זיא געגאנגען און האט זיך גישטעלט אין דער פרעמד פאר איין דינסט און דאס קינד האט זיא אוועק געגעבען אין איין חדר. זיא איז זיך געביך גיווען איין דינסט און דאס קינד פלעגט גיין אלע טאג צו דער מיטער · הכלל דם קינד איז געווארען גאר פר לייזט ווארום די מוטער הט זיך קיין צייט ניט געהאט אכטונג געבין אוף אים. הכלל דם קינד האט בעקומען איין אום ריינע קאפ איבר די אויגען אז קיינער האט אים ניט געוואלט אריין לאזין אין קיין שום שטוב אריין נעכטיגין דיז צו ליב אים האט מען די מוטער אויך ניט געוואלט אריין לאזין אין קיין שום שטוב. דיא מוטער הט זיך נעביך זייער גוט אויס געוויינט און האט גענומען דם קינד און איז מיט אים אוועק פון דער שטאט אין איין אנדער שטאט ביז זי איז געקומען מיט אים אין איין שטאט ווס עס איז דארט געווען איין ישיבה. אזו איז שרעלע אריין געגאנגען גלייך צום ראש ישיבה און הט אן געהובען פר אים צו וויינען און הט אים דער ציילט די גאנצע מעשה ווי אזו עס האט זיך מיט איר גיפאסירט ביז זי האט דער לעבט צו האבין דאס קינד. און דער ראש ישיבה האט אוף איר רחמנות געקריגען און הט גענומען ··· זיך דם קינד און האט מיט אים אן געהובען צו לערנען. און אונזער שרעלע הט זיך ענטשלאסען זי זאל זיך אוועק לאזין מיט ארומע לייט. אפשר וועט זי ערגיץ אפ זוכען איר מאן ר׳ שמואלין. אזו איז געווען זיא הט דם קינד איבער געלאזט ביי דעם ראש ישיבה און אליין איז זי אוועק מיט די ארומע לייט זי איז נעביך געגאנגען פון דארף צו דארף פון שטאט צו שטאט עס הט אזו געדויערט עטליכע יאר. ביז זיא איז אן געקומען אין דער שטאט ווי דער עושר הט געוואונט וואס ער הט צו גענומען ביי איר מאן דם גאלד און זילבער מיט די בארליאנטען. אזו איז זי גיבליבען אין דער שטאט מאמער וועט זי אפשר געפונען איר מאן רבי שמואל, ויהי היום הט זיך גימאכט א גרויסע שריפה אין דער שטאט אז דיא גאנצע שטאט איז פר ברענט גיווארען און דער עושר מיט דעם ווייב זענין אויך פאר ברענט גיווארען אזו איז דער שרעלען נעבעך זייער שלעכט געווארען זי ווייסט שוין כלל ניט ווי הין צו גיין. הכלל זי הט געבעך זייער שטארק אן גיהובען צו וויינען ביז זיא איז אנטשלאפען געווארען אזו איז איר גיקומען צו חלום ר׳ שמואלם זיידע. און זאגט ער מיין ליב קינד וויין ניט און זארג ניט גיי גלייך צו דעם ארט נ׳

(מתרש״א)

דער עושר הט גיוואונט דארט וועסטו געפינען א זעקיל מיט גאלד אונ זילבער אונ בארליאנטען אונ דימאנטען וואס דער עושר הט צו גינומען ביי ביין מאן אונ זאלסט דאס נעמען צו זיך אונ זאלסט פון דאנען גיין אין יענער שטאט דארט וועסטו טרעפין ביין מאן ר׳ שמואל נאר זאלסט וויסען ווי אזו זיך צו באגיין. אונ דער נאך זאלט איר נעמען אייער קינד פון דער ישיבה אונ אים דינגען א מלמד זאל מיט אים לערנען אין דער היים. ווארום עס איז שוין גיקומען אייער צייט איר זאלט אויף גירעכט ווערין מיט אלעם גוטען. שרעלע האפט זיך אויף מיט גרוים שמחה זי לויפט באלד אויף דעם ארט ווי דער עושר הט גיוואונט זי הייבט אן צו זוכען זי הט אזו לאנג גיזוכט ביז השי״ת הט גיהאלפען. זי הט גיפונען אזעקיל זי עפינט דם אוף עס ליגט דארט זייער פיל בארליאנטען אונ דימאנטען אונ זייער פיל גאלד אונ זילבר. הכלל זי הט דם גינומען מיט גרים שמחה אונ איז דער מיט גלייך אוועק אין דער שטאט ווי דער זיידע הט איר גיזאגט ווי זי איז גיקומען אין דער שטאט הט זי באלד פר קופט אביסיל גאלד אונ איז אריין גיגאנגען אין איין סטאנציע אונ הט זיך גימעלדירט אז זי איז א גרויסע סוחרטע. ווי די ארומע לייט האבען דער הערט א גרויסע סוחרטע איז גיקומען האבען זיי אן גיהויבען גיין צו איר נאך נדבות (והוא בתוך הבאים) אונזער ר׳ שמואל איז אויך גיקומען נאך איין נדבה זי גיט אים איין נדבה. אונ הט אים נאך ניט דער קענט. זי פרעגט אים עס איז נאך דא ארומע לייט הט מען איר גיזאגט עס איז שון מער ניטא קיין ארומע לייט. זי קלערט זיך מן הסתם אז דער זיידע הט גיזאגט אז ער איז דא. איז ער אוודאי דא, ע״כ הט זי גיגעבין איין בפער צום שמש פון דער שטאט ער זאל איר ברייגען איין צעטיל פון אלע ארומע לייט פון דער שטאט. זי האט אים דער פר גיגעבין איין דוקאטען אונ ער הט אויף געשריבען אלע ארומע לייט פון דר שטאט אונ הט איר גיברייגט דם צעטיל. זי לייענט איבר דם צעטיל ר׳ שמואל איר מאן שטייט אוך אין צעטיל.

הכלל זי הט געמאכט איין סעודה פר די ארומע לייט וועגין אונ ר׳ שמואלין הט זי אויך אהייסען בעטין אויף דער סעודה די ארומע לייט האבען גיגעסין אויף דער סעודה אונ האבען גיטרונקען זייער גינונג נויין נאך דער סעודה הט שרעלע אליין גיטיילט יעדען ארומאן א נדבה. די ארומע לייט דאנקין איר זייער שיין. ווי עס איז גיקומען צום סוף איז צו גיגאנגען ר׳ שמואל צו איר נאך איין נדבה אזו הט זי ארוים גינומען איין דוקאטען אונ הט אים גיגעבין ער דאנקט איר אויך זייער שיין. אונ וויל נאר וואס אוועק גיין זאגט זי צו אים וואס

מאכט

מאכט איר רבי שמואל אייריל מאן אונ וואס מאכט אייער ווייב שרעלע? ווי ער האט דאס דער הערט האט ער אן גיהויבען צו וויינען אונ איז חלשות געבליבען ווי זי האט דער זעהן אז ער וויינט זייער אונ חלישות זייער האט זי אים אריין גינומען צו זיך אין חדר אריין אונ האט אים אום געזאגט אז זי איז זיין ווייב שרעלע זענען זיי זיך גיפאלין אויף דעם האלז איינער דעם אנדערען אונ האבען זייער גיוויינט פאר גרוס פרייד זיי האבען זיך איינס דעם אנדערען דער ציילט ווי אזוי עס האט זיך גיפאסירט מיט זיי ביז אהער רבי שמואל האט זיך תיכף גיקויפט מלבושים אזוי ווי אים שטייט אן אונ זיי זענען ביידע תיכף גיפארען אין דער שטאט ווי דער ראש ישיבה האט גיוואוינט וואס זייער זון האט גילערינט ביי אים אונ זיי האבען אים גיגעבין א גרויסע מתנה אונ האבן זייער שיין באקליידעט דאס קינד אונ האבען אים גינומען צו זיך אונ זיי זענן מיט אים גיפארען גלייך קיין אמסטרדאם ווי זיי זענען גיקומען מיט אים קיין אמסטרדאם האבען זיי תיכף גידונגען גרויסע גיוועלבער אונ השם יתברך האט זיי גיהאלפען.

עס האט זיי אן גיהויבען גיין די געשעפטען מיט גרויס הצלחה אונ רבי שמואל מיט זיין ווייב זענען געווארען נאך גרעסערע בעל צדקה געבערס ווי פריער אונ דאס קינד האט גיקאנט לערנען אז ער איז גיוועזן איין חריף ובקי אין גאנץ תורה אונ פסוק אונ ש"ס אונ אלע מפרשים אונ איז גיוועזן קלוג אויך ער איז גיוועזן אמושלם מיט אלע מעלות אונ ווי השם יתברך האט גיהאלפען עס איז גיקומען דער טאג וואס דאס קינד האט גידארפט ווערין בר מצוה האט מען געמאכט זייער אגרויסע סעודה אונ מען האט גיטיילט ארומע לייט זייער פיל צדקה אונ רבי שמואל מיט זיין ווייב האבען זיך זייער גיפרייט אונ דאס קינד האט גיזאגט זייער אשיינע דרשה נאך דער בר מצוה דאס קינד האט זיך ווידער גיזעצט לערנען אונ איז גיזעסין יומם ולילה על התורה ועל העבודה אונ ר' שמואל איז תיכף גיפארין קיין לייפציג אונ האט גיקויפט זייער פיל סחורה אונ איז בשלום גיקומען אהיים מיט דער סחורה אונ עס האט אן געהויבען גיין מיט גרויס הצלחה.

האבען אן געהויבען שדכנים צו רעדין אשידוך פאר דעם קינדס וועגין איז רבי שמואל אלין ניט גיפעלין קיין שום שידוך עס איז אזוי אוועק גיגאנגען אלאנגע צייט ביז רבי שמואל מיט זיין ווייב האבען זיך באקלערט וואס וועט זיין דער סוף מען מוז זיך פארט עפעס זעהען באטראכטין מיר זענין שון ניט קיין יונגע לייט אייביג וועלין מיר ניט לעבין אונ דאס קינד ווייסט מער ניט נאר זיצען אונ לערנען מען מוז דאך אים עפעס אן הייבען צו ווייזען ער זאל

ווערען

זעהן ניט ווי אזוי צו פירן אַ געשעפט. אַזוי האָבען זייא געבעטין דעם קינד ער זאָל אַריין גיין אַלע טאָג צוויי שעה אין טאָג זאָל ער אַריין גיין אין געוועלב בכדי ער זאָל געניט ווערין וויא אַזוי צו פירין דאס געשעפט. דאָס קינד האָט אַזוי געטאָן ער פלעגט אַריין אַלע טאָג צוויי שעה אין געוועלב און האָט אָן געהויבען צו לייען דיא ביכער ביז השם יתברך האָט געהאָלפען עס איז אַוועק געגאַנגען אַ קורצע צייט דאָס קינד האָט שון געקאָנט פירען דיא גרעסטע געשעפטין דער פאָטער האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל מיט גענומען קיין לייפּסיג נאָך סחורה.

ויהי היום האָט זיך געמאַכט אַז רבי שמואל איז געקומען קיין לייפּסיג מיט דעם קינד אַזו איז דאס קינד זייער געפעלין דעם סוחר וואָס רבי שמואל האָט מיט אים געהאַנדעלט. אַזו האָט דער סוחר געזאָגט צו רבי שמואלין אַז ער האָט איין בת יחידה און ער וויל מיט אים איין שידוך טאָן אַזו האָבען זייא באַלד געמאַכט תנאים און רבי שמואל האָט געלאָזט דער כלה זייער אַ שיינע מתנה און יענער מחותן האָט דעם חתן אויך געגעבין זייער אַ פיינע מתנה. אין איין צייט אַרום האָט מען געמאַכט זייער אַ פריילכע חתונה נאָך דער חתונה האָבען זיך דיא קינדער געמאַכט איין האַנדלס געשעפט און עס איז זייא זייער געגאַנגען מיט גרוס הצלחה. און רבי שמואל מיט זיין ווייב שרעלע דיא צנועה האָבען זיך זייער געפרייט און פיל נחת געהאַט פון דעם פּאָר פאָלק. זייא האָבען זוכה געוועזן צו זעהן בנים ובני בנים עוסקים בתורה עס איז געוועזן תורה וגדולה במקום אחד כן יזכנו השם יתברך זאָל אונז השם יתברך אויך העלפען מיר זאָלין האָבען קינדס קינדער און קינדער און זאָל אונז שיקען דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

אַצונד זעה מיין ליבער פריינד וויא גרויס איז דער כח פון צדקה. דער פאַר וואָס אונזער שרעלע רבי שמואלס ווייב איז געוועזן אַ צנועה און אַ גרויסע בעל צדקה געוועזין האָט זיא זוכה געוועזן צו האָבין אַזון חאָטשע עס איז נגזר געוואָרען זיא זאָל קיין קינדער ניט האָבען און האָט געהאַט גרויס עשירות.

ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה.